# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:45
מוצאי שב"ק....................7:11

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............ישעיה מ"ח-מ"ט
בבלי.......................מנחות ע"ח
ירושלמי..................פאה ט"ז
תוספתא...........תמורה פרק ב'
רמב"ם......................מעשר ו'

פרשת וירא, י"ח חשון, שנת תשע"ט לפ"ק — שנה 8, גליון 7 (367)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֵּרָא אֵלָיו ה' בְּאֵלוֹנֵי מַמְרֵא**, מוֹהֲרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ג') אַז דִי מַחְשָׁבָה אִיז אִין דִי הַאנְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר קֶען עֶס דְרֵייעֶן וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ טְרַאכְטְן צְוֵויי מַחְשָׁבוֹת אוֹיף אֵיינְמָאל, מְמֵילָא אוֹיבּ עֶס קוּמֶען אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אִין אַ מֶענְטְשׁ, זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן, קֶען מֶען גְלַייךְ טְרַאכְטְן פוּן אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי גֵייט אַוֶועק דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה, אַזוֹי וִוי אַ פֶערְד וָואס וִויל אַרָאפְּפָּארְן פוּן גְלַייכְן וֶועג, גֶעבְּט מֶען אִים אַ כַאפּ בַּיי דִי לֵייצֶעס, אוּן מֶען שְׁטֶעלְט אִים אוֹיפְן פְּלַאץ, אַזוֹי אוֹיךְ דִי מַחְשָׁבָה, וֶוען עֶס וִויל אַרָאפּ גֵיין פוּנֶעם גְלַייכְן וֶועג, אוּן עֶס וִויל טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, גֶעבְּט מֶען אִים אַ כַאפּ, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן גוּטֶע זַאכְן, אוּן מֶען פִירְט אִים אַרוֹיף אוֹיפְן גְלַייכְן וֶועג.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וָוארְט **מַמְרֵא** וָואס אִיז ר"ת **מַ**'חְשָׁבָה **רָ**'עָה **מַ**'חְשָׁבָה **אַ**'חֶרֶת, וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה, טְרַאכְט מֶען גְלַייךְ אַן אַנְדֶערֶע מַחְשָׁבָה.

דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז דִי מַחְשָׁבָה, עֶר זָאל טְרַאכְטְן נָאר הֵיילִיגֶע גֶעדַאנְקֶען עֶר זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר פְּרוּבִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ מִיט דֶעם, עֶר דַארְף דוּרְךְ גֵיין אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן אוֹיבּ עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אִיז עֶר זוֹכֶה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִים, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ פִילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **וַיֵּרָא אֵלָיו ה'** - אַז אַ אִיד וִויל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ צוּ אִים בַּאוַוייזְן, אוּן עֶר זָאל פִילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה, **בְּאֵלוֹנֵי "מַמְרֵא"** - מַ'חְשָׁבָה רָ'עָה מַ'חְשָׁבָה אַ'חֶרֶת - אַז וֶוען עֶס קוּמְט אִים אַרַיין אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה זָאל עֶר גְלַייךְ טְרַאכְטְן פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, **וְהוּא יוֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל** - אֲפִילוּ עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז נָאךְ בַּיי דִי טִיר, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי קְדוּשָׁה, אוּן נָאךְ מֶער, **כְּחֹם הַיּוֹם** - עֶס בְּרֶענְט אִין אִים דִי יֵצֶר הָרַע, אַ פַייעֶר פוּן תַּאֲווֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוֹיבּ אָבֶּער עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן עֶר גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעם פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר זוֹכֶה - **וַיֵּרָא אֵלָיו ה'** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִים.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּרָא א')

***

**וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים נִצָּבִים עָלָיו**, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בראשית רבה פמ"ח ס"ט) אַז דִי דְרֵיי מַלְאָכִים הָאבְּן אוֹיסְגֶעזֶעהן, אֵיינֶער וִוי אַ בֶּעקֶער, אֵיינֶער וִוי אַ שִׁיפְס קַאפִּיטַאן, אוּן אֵיינֶער וִוי אַן אַרַאבֶּער.

מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (אבות פרק א') אוֹיף דְרֵיי זַאכְן שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, אוֹיף תּוֹרָה, אוֹיף עֲבוֹדָה, אוּן אוֹיף גְּמִילַת חֲסָדִים, אוּן דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי דְרֵיי אָבוֹת אַבְרָהָם, יִצְחָק, אוּן יַעֲקֹב, אַבְרָהָם'ס מִדָּה אִיז גֶעוֶוען גְּמִילַת חֲסָדִים, יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען תְּפִלָּה, אוּן יַעֲקֹב אִיז גֶעוֶוען תּוֹרָה.

דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוִויזְן פַאר אַבְרָהָם, יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט גֶעפָּאלְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט דִיךְ גֶעהֵייסְן זִיךְ מַל'ן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ דִיר, וִוי עֶס שְׁטֵייט **וַיֵּרָא אֵלָיו ה'**, יֶעצְט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי דְרֵיי זַיילְן פוּן דִי וֶועלְט, תּוֹרָה, עֲבוֹדָה, אוּן גְּמִילַת חֲסָדִים.

דֶער בֶּעקֶער אִיז קֶעגְן חֶסֶד, וַוייל עֶר גֶעבְּט צוּ עֶסְן פַאר מֶענְטְשְׁן, דֶער שִׁיפְס קַאפִּיטַאן פִירְט מֶענְטְשְׁן אוֹיפְן יַם, וָואס אִיז קֶעגְן דִי יַם הַתַּלְמוּד, וָואס דָאס אִיז תּוֹרָה, אוּן דֶער אַרַאבֶּער וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן "**יִשְׁמָעֵאל**" אִיז קֶעגְן תְּפִלָּה, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בראשית טז, א) עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן יִשְׁמָעֵאל "**כִּי שָׁמַע ה' אֶל עָנְיֵךְ**" וָואס דָאס אִיז תְּפִלָּה, אוּן אוֹיף דִי דְרֵיי זַאכְן שְׁטֵייט דִי וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּרָא ה')

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### אַ דוּרְכְפַּאל

חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת ק"כ.) אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַצְלִיחַ נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַּאל. דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין זַיין אוּנְטֶערְנֶעמוּנְג, דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר מַצְלִיחַ, וַוייל אַזוֹי לֶערְנְט עֶר זִיךְ אוֹיס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וָואס עֶר זָאל יָא טוּן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער. דֶער דוּרְכְפַאל בְּרֶענְגְט אִים גָאר צוּ זַיין הַצְלָחָה. דִי גְמָרָא זָאגְט אוֹיךְ (גִיטִין מ"ג.) "אֵין אָדָם עוֹמֵד עַל דִבְרֵי תּוֹרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְשָׁל בָּהֶם" - אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ אִין לֶערְנֶען, נָאר נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר זָאל זִיךְ מֶער אָנְשְׁטְרֶענְגֶען.

דָאס זֶעט מֶען אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת. דֶער סְטָאלֶער וֶועט זִיךְ קוֹדֶם פִיל מָאל גוּט צוּהַאקְן דִי הֶענְט פוּנֶעם הַאמֶער, אֵיידֶער עֶר וֶועט זִיךְ גוּט דֶערְלֶערְנֶען דִי אַרְבֶּעט. וִוי לַאנְג עֶלֶעקְטָארִישָׁאן וֶועט זִיךְ גוּט אוֹיסְלֶערְנֶען זַיין פַאךְ, וֶועט עֶר אוֹיפְ'ן וֶועג נָאךְ כַאפְּן שְׁטַארְקֶע עֶלֶעקְטְרִיק-שַׁאקְס. אוּן אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן זֵייעֶר דוּרְכְפַאל אוּן הוֹיבְּן דִי הֶענְט, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין. אוֹיבּ אָבֶּער וֶועלְן זֵיי נוּצְן דֶעם דוּרְכְפַאל אַלְס אַ לֶעקְצִיֶע צוּ

<<<<<<

## א גוט ווארט

זָאג בְּלוֹיז דָאס וָוארְט: "טַאטֶע", וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן צו): "אֲפִילוּ כְּשֶׁאֵין יְכוֹלִין לְדַבֵּר כְּלָל, אֲפִילוּ כְּשֶׁמְדַבְּרִין רַק דִּבּוּר אֶחָד, גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד", אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים וָואס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען נָאר זָאגְן אֵיין וָוארְט אִיז דָאס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן אַ וָוארְט פוּן דִיר, **אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל גֶעבְּן אַ שְׁרֵיי: "טַאטֶע".**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' וַיֵּרָא תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## מֶעג אִיךְ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אִין בֵּית הַכִּסֵּא, וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְוֶועג?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין יֶעדֶע וָואךְ אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט אֵיין מָאל מִשְׁנַיוֹת.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז סֵיי מַיין יְשִׁיבָה אוּן סֵיי מַיין מִשְׁפָּחָה הַאלְטְן נִישְׁט פוּן בְּרֶסְלֶב, אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאהַאלְטְן וֶוען אִיךְ הֶער דִי דְרָשׁוֹת, אִיז מַיין שְׁאֵלָה וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא מַצָּב, אוּן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג הֶערְן דִי דְרָשׁוֹת אִין אַ רֵיינֶע בֵּית הַכִּסֵּא?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווּאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה בְּהַתְמָדָה רַבָּה; דוּ בִּיסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, אוֹיךְ הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּם זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין דַיין לֶעבְּן 'שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה'. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

נִישְׁט דַיין יְשִׁיבָה אוּן נִישְׁט דַיין מִשְׁפָּחָה זֶענֶען מִתְנַגְּדִים אוֹיף בְּרֶסְלֶב; זֵיי וֵוייסְן פָּשׁוּט נִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז. וֶוען זֵיי וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידוּת, נִישְׁט נָאר זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט גֶערֶעדְט אוֹיף בְּרֶסְלֶב נָאר זֵיי וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט דִי קִינְדֶער.

לֵיידֶער לַיידְן מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן דֶעם אָנְשִׁיקֶענִישׁ וָואס רוּפְט זִיךְ: "נַ נַח"; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב אוּן דָאס מַאכְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט לָאזְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן וֶוען עֶלְטֶערְן דֶערְוִויסְן זִיךְ אַז זֵייעֶר קִינְד הָאט שַׁייְכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב וְכוּ' רוֹדְפְ'ט מֶען דָאס קִינְד, מֶען טֵיילְט אָפּ מִשְׁפָּחוֹת אֵיינֶער פוּן צְוֵייטְן, מֶען קוּמְט נִישְׁט צוּ דִי

<<<<<<

>>>>>>

וִויסְן פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וֶועט דָאס זַיין דֶער סוֹד פוּן זֵייעֶר הַצְלָחָה.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיוּת. וֶוען אַ אִיד שְׁטְרֶעבְּט זִיךְ אָן אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין זַיין עֲבוֹדַת ה', דַאן טָאר עֶר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן אַ דוּרְכְפַאל. נָאר פַארְקֶערְט, עֶר זָאל נוּצְן דֶעם דוּרְכְפַאל זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דֶערְפוּן פַאר שְׁפֶּעטֶער, אוּן עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם הוֹיבְּט זִיךְ נָאר אָן וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵייטְן. מֶען הַאלְט אִין אֵיין הַאלְטְן קָאפּ וָואס דֶער צְוֵייטֶער וֶועט זָאגְן צוּ מִיר. אוּן דַאן, וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁטְרוֹיכְלוּנְג, וֶוערְט מֶען גְלַייךְ צוּקְלַאפְּט "אוֹי וֵויי, יֶעצְט וֶועט יֶעדֶער זֶען אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְט". אַ פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אָבֶער נִישְׁט קוּקְן דֶערוֹיף. עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אוּן וִויסְן אַז דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע קוּקְן אָדֶער קְרוּמֶען אוֹיף אִים, וֶועלְן אִים גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן. אוּן אוֹיבּ וִויל עֶר מַצְלִיחַ זַיין דַארְף עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּקְרַאצְן פוּן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן אוּן זָאגְן אוֹיף אִים. נָאר נוּצְן זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוֹיף זִיךְ בֶּעסֶער אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער מִיט אַ שְׁטַארְקַייט בִּיז עֶר וֶועט סוֹף כָּל סוֹף מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְ'ן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט') אַז דֶער חָכָם הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעקוּקְט וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק גֶעקוּקְט צוּ זֶען אוֹיבּ מֶען לַאכְט נִישְׁט פוּן אִים, אוּן כָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלוּג, אִיז עֶר צוּם סוֹף אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ טִיפֶע גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע. וִוידֶער דֶער תָּם אִיז טַאקֶע נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי קְלוּג, עֶר הָאט אָבֶער גֶעהַאט דִי מַעְלָה אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם? דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה. פַארְוָואס זָאל אִיךְ קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם?", אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר טַאקֶע גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער מִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן.

### אַ הִילְף צוּ גֵיין

מִיר זֶעעֶן בְּגַשְׁמִיּוּת אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אוּן צוּקְלַאפְּט זִיךְ, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְשְׁטֶעלְן, דַאן וֶועט עֶר זוּכְן אוּן בֶּעטְן הִילְף פוּן אַ צְוֵייטְן וָואס זָאל אִים גֶעבְּן אַ הַאנְט אוּן אִים הֶעלְפְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

בְּרוּחֲנִיוּת אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְהוֹיבְּן, עֶר זֶעט אַז עֶר פַאלְט אוּן פַאלְט, דַארְף עֶר גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס זָאל אִים קֶענֶען גֶעבְּן אַ הַאנְט אַז עֶר זָאל קֶענֶען שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִּיס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ט"ז) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז מְקוּשָּׁר צוּ אַ צַדִּיק, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן. דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִּיק לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן קֵיינְמָאל. מֶען דַארְף נָאר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן דֶעם רִיכְטִיגְן צַדִּיק וָואס קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, אוּן נִישְׁט זִיךְ לָאזְן נַארְן אוּן גֵיין צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זוּכְן דֶעם רִיכְטִיגְן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס קֶען אִים טַאקֶע הֶעלְפְן. אַ אִיד אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ אַז עֶר אִיז לַיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר זוּכְט אַ וֶועג אַרוֹיס, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען דָאס פַארֶעכְטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן.

זַיין רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אִים קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז זַיין תְּשׁוּבָה אִיז גָאר שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אִים צוּ הֶעלְפְן, נָאר עֶר וָואלְט אִים גֶע'עֵצָה'ט אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן "חַזוֹן אִישׁ", נָאר עֶר וֶועט אִים קֶענֶען הֶעלְפְן. דֶער אִיד אִיז דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן דִי עֵצָה, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אַז נָאר דָאס זָאל עֶר נִישְׁט הֵייסְן, וַוייל דָאס וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיז אִים אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען, עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן מַמָּשׁ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת צוּ גֵיין צוּם חַזוֹן אִישׁ צוּ בֶּעטְן אַ תְּשׁוּבָה. דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר אִים. בְּלֵית בְּרֵירָה הָאט דֶער אִיד מִיט אַ צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ גֶעמוּזְט מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר זַיין רֶבִּי'ן אַז עֶר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער חַזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט.

<<<<<<

**...וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם? דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, פַארְוָואס זָאל אִיךְ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵייטְן?...**

>>>>>>

וֶוען דֶער אִיד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם חַזוֹן אִישׁ אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַזַא פַּחַד אוּן שְׁרֶעק, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אֲפִילוּ אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן חַזוֹן אִישׁ, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט.

דֶער חַזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל פוּן הַיינְט אָן פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פִּירְן נָאר עֶרְלִיךְ אוּן גֵיין נָאר אוֹיף גוּטֶע וֶועגְן, אוּן עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָה בְּרוּרָה".

דֶער אִיד אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן. עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעדַאנְקְט פַארְ'ן שִׁיקְן צוּם הֵיילִיגְן חַזוֹן אִישׁ, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וָואס דֶער חַזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים מִיטְ'ן מִשְׁנָה בְּרוּרָה, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַקְפִּיד צוּ זַיין אוֹיף יֶעדֶע הֲלָכָה עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין וִוי מֶען דַארְף, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דִי אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ, דַארְף נָאר גֶענוּצְט פַארְ'ן צְוֶועק זִיךְ אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער, אוּן נִישְׁט אוֹיף פַארְקֶערְט חַ"ו, צוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אַלֶעס אוֹיפְגֶעבְּן. אוּן אוֹיבּ קֶען מֶען דָאס נִישְׁט אַלֵיין בַּאוַוייזְן, דַאן דַארְף מֶען זוּכְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִיק וָואס זָאל לֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן. וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט עֶר זִיכֶער שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ נְפִילָה, וְחֵלֶק ד' עֶרֶךְ כִּשָּׁלוֹן וְעֶרֶךְ צַדִיק)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (י)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אִין זַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס מְסִירַת נֶפֶשׁ, אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל אֲפִילוּ וִויסְן דֶערְפוּן.**

**נט**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין זַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן פְלֶעגְט עֶר זִיךְ פִירְן אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט עֶסְן אַ סְעוּדָה הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט בַּאגְנוּגְנְט מִיטְ'ן בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, נָאר עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי דִי סְעוּדָה, אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען צוּ עֶסְן.

צוּם בַּיישְׁפִּיל אוֹיבּ מְ'הָאט אִים גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן עֶסְן אַבִּיסְל לֶקַח אוּן בְּרוֹינְפְּן, אוּן דֶערְנָאךְ אַבִּיסְל רֶעטִיךְ פַאר דִי סְעוּדָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען צוּ עֶסְן, הָאט עֶר גֶעדַאנְקְט אוֹיף אִידִישׁ אוּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט יֶעדֶע זַאךְ בַּאזוּנְדֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט דָאס בַּאקוּמֶען.

**ס**

כָּאטְשׁ וָואס עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא בְּרֶען אוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ, אִיז דָאס אַלֶעס אָבֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן פוּן מֶענְטְשְׁן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אוּן גֶעטְרַאכְט אַז דֶער קְלֵיין אִינְגְל דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַזַא הוֹיכְן פַארְנֶעם.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִינְדֶערְפְרִי אִין מִקְוֶה, דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין אַ קַאלְטֶע ווִינְטֶער טָאג, אוּן וֶוען עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען מִיט דִי נַאסֶע פֵּיאוֹת הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף אִים אַז עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹי נַארִישׁ, זִיךְ צוּ וַואשְׁן דֶעם קָאפּ אִין אַזַא קַאלְטְן טָאג. קֵיינֶעם אִיז אֲפִילוּ נִישְׁט אַיינְגֶעפַאלְן אַז ס'קֶען גָאר זַיין אַז עֶר אִיז יֶעצְט גֶעוֶוען אִין מִקְוֶה, אוּן אַז מְ'הָאט אִים גֶעזֶען מִיט נַאסֶע פֵּיאוֹת הָאט מֶען פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר הָאט זִיךְ זִיכֶער גֶעוַואשְׁן דֶעם קָאפּ, אוּן זֵיי הָאבְּן דָאס אָנְגֶעקוּקְט אַלְס אַ קִינְדִישְׁקֵייט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעוַואשְׁן דֶעם קָאפּ אִין אַזַא קַאלְטֶע וֶועטֶער.

**סא**

אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בִּיז צוּ זַיין בַּר מִצְוָה אוּן חֲתוּנָה, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוואוֹינְט אִין מֶעזְעבִּיזְשׁ, דָארְט הָאט עֶר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין עֲבוֹדַת ה' אוֹיף אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם פַארְנֶעם, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה הָאט עֶר זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז קֵיינֶעם זָאל זִיךְ נִישְׁט דַאכְטְן אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וִוי דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אִין זַיין עֶלְטֶער, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, קֵיינֶער הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זַיין עֲבוֹדַת ה', מְ'הָאט אִים אָנְגֶעקוּקְט וִוי אַ גֶעוֶווענְלִיךְ קִינְד אַזוֹי יֶעדְן אֵיינֶעם.

**סב**

אִין יֶענֶע יָארְן, נָאכְ'ן לֶערְנֶען גָאר פְלַייסִיג שַׁ"ס אוּן פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ, עַיִן יַעֲקֹב אוּן מֶדְרָשׁ, אוּן נָאךְ פִּיל, הָאט עֶר דֶעמָאלְט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק פוּנֶעם "סֵפֶר הָא-ב", וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן "סֵפֶר הַמִּדּוֹת".

אִין דֶעם סֵפֶר הָאט דֶער רֶבִּי אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אִין דִי סְפָרִים וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, אַלֶעס וָואס הָאט צוּטוּן מִיט מִדּוֹת. וואוּ עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אִין אַ חֲזַ"ל, אָדֶער אִין אַ פָּסוּק, עֶפֶּעס אַ מַעְלָה פוּן אַ גוּטֶע מִדָּה, אָדֶער דִי גֶעמֵיינְקֵייט פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, הָאט עֶר דָאס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בַּיי זִיךְ, אוּן עֶס אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט לוֹיט דִי מִדּוֹת אוֹיפְ'ן סֵדֶר הָא-ב, מִיטְ'ן צִיל צוּ הָאבְּן פַאר דִי אוֹיגְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אַיינְקוֹיפְן גוּטֶע מִדּוֹת, אוּן וִוי שְׁלֶעכְט עֶס אִיז דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ, אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן נָאר מִיט

<<<<<<

>>>>>>

קִינְדֶער'ס שִׂמְחוֹת וְכוּ' וְכוּ', דָאס אַלֶעס קוּמְט אַלְס רֶעזוּלְטַאט פוּן דֶעם וָואס מֶען מֵיינְט אַז בְּרֶסְלֶב אִיז אַ צֶעווִילְדֶעוֶועטֶע זַאךְ, אַ פְּלַאץ פוּן מֶפְקָרִים וְכוּ'.

דִי מַחְלוֹקֶת אוֹיף בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט קַיין נֵייעֶ זַאךְ; אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלֵיינְס אִיז שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוֶוען מַחְלוֹקֶת. וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַחְלוֹקֶת הָאט דֶעמָאלְט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "מֶען קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אוּן קְרִיגְן אוֹיף אִים, אִיךְ קְרִיג אוֹיךְ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ; אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ - וָואס טוּט אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט - קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ". מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים, אַ פְּלַאץ פוּן עַזוּת פְּנִימְ'עֶר. דָאס מַאכְט אַז יֶעדֶער קְלוּגֶער טַאטֶע אוּן מַאמֶע זָאלְן נִישְׁט מַסְכִּים זַיין אַז זֵייעֶר קִינְד זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אוֹיף אַ פְּלַאץ פוּן עַזוּת פְּנִימְ'עֶר, וָואס בֶּאֱמֶת הָאט דָאס נִישְׁט צוּטוּן מִיט בְּרֶסְלֶב, וַוייל אִיבֶּעְרָאל זֶענֶען דָא עַזוּת פְּנִימְ'עֶר.

דוּ זֵיי מַמְשִׁיךְ מִיטְן לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן אוּן נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וַוייל דִי תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן בְּלַייבְּט אוֹיף אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, כ): "הַלּוֹמֵד יֶלֶד לְמַה הוּא דוֹמֶה, לִדְיוֹ כְּתוּבָה עַל נְיָר חָדָשׁ". אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג): "הָעֲבֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", יֶעדְן טָאג עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז חָשׁוּבְ'עֶר פוּן עֶטְלִיכֶע יָארְן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוֹיף דֶער עֶלְטֶער; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנד.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא", דִי שֶׁענְסְטֶע תְּקוּפָה אִינֶעם לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה, פָּרָשָׁה ו): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת", מִיר וֶועלְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת בִּזְכוּת לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, סַיי דִי גְאוּלָה בִּכְלָלִיוּת וֶועט זַיין בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת אִין זְכוּת וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואסֶערֶע כֹּחַ מִשְׁנַיוֹת הָאט אוּן וָואס עֶס טוּט פַארְן מֶענְטְשׁ; מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'מִשְׁנָה'; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט עֶס אִים אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

(גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' וַיֵּרָא תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

גוּטֶע מִדּוֹת.

נִישְׁט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן זֶענֶען גֶעוֶוען זַאכְן וָואס שְׁטֵייט אַרוֹיס בְּפֵירוּשׁ אִין חֲזַ״ל, נָאר אַסַאךְ זַאכְן הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן לוֹיט וִוי עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעלֶערְנְט פוּן זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער, אָדֶער לוֹיט וִוי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט אַ פָּסוּק בְּדֶרֶךְ רֶמֶז.

דֶער סֵפֶר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיבְּן נָאךְ פַאר זַיין בַּר מִצְוָה, אוּן אוֹיף דֶעם סֵפֶר הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, ״דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד״, דָאס מֵיינְט אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דִי אַלֶע זַאכְן אוֹיף יֶעדֶע מִדָּה, הָאט עֶר מִיט דֶעם גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף יֶעדֶע מִדָּה בַּאזוּנְדֶער, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

## שְׁנַת תקמ״ה

### סג

רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן שְׁנַת תקמ״ה לפ״ק, שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיִקְרָא אוּן שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בַּר מִצְוָה גֶעהַאט. אִין יֶענֶעם שַׁבָּת אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים זַיין פֶּעטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם זי״ע, אוּן אִים גֶעזָאגְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים ב׳, ז׳) ״אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ״, וָואס דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן טָאג פוּן דִי בַּר מִצְוָה וֶוען מְ׳וֶוערְט וִוי נֵיי גֶעבוֹירְן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט דִבְרֵי מוּסָר אוּן הִתְחַזְּקוּת וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין זֵיידְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, אוּן דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר טֵייעֶר בַּיים רֶבִּי׳ן, מַמָּשׁ ״כְּמוֹצֵא שָׁלָל רָב״ (שָׁם קי״ט, קס״ב).

### סד

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת צַו, ב׳ נִיסָן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵייגְן תְּפִלִּין. זַיינֶע תְּפִלִּין זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן דוּרְךְ גָאר אַ הֵיילִיגֶער בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִּיק, רֶבִּי אֶפְרַיִם סוֹפֵר זַ״ל, [מֶער אִיבֶּער אִים זֶע וַוייטֶער אִין סִימָן תתמ״ט], דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט זַיינֶע תְּפִלִּין.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵייגְן תְּפִלִּין בַּיי דִי בַּר מִצְוָה, הָאט עֶר גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵייגְן צְוֵויי פָּאר תְּפִלִּין, סַיי רַשִׁ״י אוּן סַיי רַבֵּינוּ תַּם. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הַאלְט אַז גְלַייךְ בַּיי דִי בַּר מִצְוָה דַארְף שׁוֹין אַ בָּחוּר אָנְהוֹיבְּן לֵייגְן בֵּיידֶע פָּאר תְּפִלִּין, אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בִּיז׳ן הַיינְטִיגְן טָאג.

### סה

גְלַייךְ נָאךְ דִי בַּר מִצְוָה אִיז דֶער רֶבִּי אַ חָתָן גֶעוָוארְן צוּ דִי טָאכְטֶער פוּן הָרַבָּנִי הַנָּגִיד רֶבִּי אֶפְרַיִם זַ״ל, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט אַלְס גָאר אַ חָשׁוּבֶער אִיד, פוּל מִיט תּוֹרָה אוּן יִרְאָה, מִיט אַ שֵׁיינֶעם יִחוּס.

רֶבִּי אֶפְרַיִם זַ״ל הָאט אָרִיגִינֶעל גֶעשְׁטַאמְט פוּן דִי שְׁטָאט זַאסְלַאב, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין אַ דֶערְפְל אוּסְיַאטִין, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר רַייךְ, עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט עֶטְלִיכֶע דֶערְפֶער אַרוּם דִי שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן אֵיינֶע פוּן דִי דֶערְפְלֶעךְ אִיז גֶעוֶוען דֶער דָארְף אוּסְיַאטִין, אוּן דָארְט הָאט עֶר זִיךְ בַּאזֶעצְט.

זַיין גוּטְן נָאמֶען הָאט גֶע׳שֶׁמְ׳ט אִיבֶּעראַל, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט מִיט דִי פִּילֶע צְדָקוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטֵיילְט, פִּילֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים פְלֶעגְן אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים, אוּן עֶר הָאט יֶעדְן אוֹיפְגֶענוּמֶען בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת.

אוֹיךְ זַיין וַוייבּ אִיז גֶעוֶוען גָאר אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, מִיט אַ גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע יִחוּס.

### סו

מְ׳הָאט בַּאשְׁטִימְט דֶער דַאטוּם וֶוען דִי חֲתוּנָה וֶועט פָּארְקוּמֶען אִין דִי שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעפָארְן צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֶלְטֶערְן, אוּן דַאן הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דִי רֶבִּיצִין, הָרַבָּנִית הַצַּדֶּקֶת מָרַת סָאשְׁיָא, אַ טָאכְטֶער פוּן דֶעם דֶערְמַאנְטְן רֶבִּי אֶפְרַיִם זַ״ל.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶעְנְדִיגֶע וָואךְ אי״ה

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## נאך א שידוך פון א תלמיד הישיבה

דער ווינטער זמן האט זיך אנגעהויבן מיט׳ן רעכטן פוס, ווען נאך א בחור פון ישיבה איז א חתן געווארן למזל טוב. הבה״ח לייבי נ״י בן מו״ה אייזיק אפפעל הי״ו, איז א חתן געווארן למזל טוב עב״ג בת מו״ה יצחק קאפלאן הי״ו, אב״י בעיר בית שמש.

יעצט פאר ראש השנה, האט דער חתן געלערנט פערציג מאל מסכת תענית, פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, אזוי ווי מוהרא״ש האט צוגעזאגט פאר די בחורים אז דורך דעם וועלן זיי זוכה זיין צו טרעפן זייער שידוך, און יעצט האט ער ב״ה זוכה געווען אנצוקומען צו דעם גליקליכן מינוט.

גלייכצייטיג איז דער חתן לעצטנס געפארן קיין יבנאל, צום ציון הקדוש פון מוהרא״ש זי״ע, דארט האט ער אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים ברציפות, אזוי ווי מוהרא״ש האט צוגעזאגט, און געהייסן דאס ארויפקריצן אויף זיין מצבה, אז יעדער בחור אדער מיידל וואס וועט קומען צו זיין קבר און דארט אויסזאגן גאנץ ספר תהלים ברציפות, וועט ער זיך משתדל זיין פאר זיי אז זיי זאלן טרעפן זייער שידוך גרינג און שנעל.

די בחורים פון ישיבה פרייען זיך מיט מיט די שמחה. דער אייבערשטער זאל העלפן ס׳זאל זיין א קשר של קימא און בנין עדי עד, מיט דורות ישרים ומבורכים.

**דבר נאה ומתקבל!**

***

# ניגונים אפטיילונג אויף ״קול ברסלב״ אויסגעברייטערט

אויפ׳ן פארלאנג פון פילע צוהערער, איז לעצטנס געווארן צוגעלייגט א נייע זאך ביי די ניגונים אפטיילונג, צו קענען הערן אלע ניגונים אויף איין מאל אויף ״שאפפעל״, דאס מיינט אז ווען מ׳גייט אריין צו דעם נייעם אפציע וועט מען הערן אלע ניגונים יעדעס מאל אויף א אנדערן סדר.

דער נייער אפציע איז אויף 5 און דערנאך 0 פון די מעין מעניו אויף ״קול ברסלב״ [זעט די נומערן צו רופן אינעם קעסטל אונטן פונעם גליון], און דאס קען זייער גוט צוניץ קומען אינמיטן די ארבעט אדער אינמיטן דרייוון, נישט צו דארפן מישן אהער און אהין, נאר קענען מיט א רואיגקייט זיך צוהערן צו די הערליכע ווארימע און לעבעדיגע ניגונים, פול מיט אמונה ויראת שמים, און עצות והדרכות פאר׳ן לעבן.

**שמעו ותחי נפשכם!**

# מוסדות תפארת התורה ברסלב

**נתייסדה ע״י כ״ק מוהרא״ש זי״ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## מו״ה שבתי מזרחי הי״ו

**צו די אפשערן פון זיין אינגל מאיר מיכאל למזל טוב**

מיר זענען שולדיג א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר ר׳ שבתי, וואס איז אזוי שטארק איבערגעגעבן פאר די מוסדות אין יעדן פרט און צו יעדע צייט, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן אים ביישטיין צו האבן געזונט פרנסה און נחת, ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

## מו״ה יואל לאנדא הי״ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

## מו״ה ברוך ברדוגו הי״ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

## החתן לייבי אפפעל נ״י

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב״ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, עס זאל זיין א קשר של קימא, און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך > 212-444-9191 /**
845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּעפּיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו׳ הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן